# פרשת בחוקותי כ"א – כ"ז אייר תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת בחוקותי***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה יעקב** (ב"ר יצחק אלעזר) **ווערצבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו וגו', ונתתי גשמיכם בעתם, אז מען וועט האלטן די תורה, זאגט די תורה די שכר אויף די וועלט, אז עס וועט זיין רעגן, און עס וועט זיין פירות. מען ווייסט אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), מען באצאלט נישט קיין שכר מצוה אויף די וועלט, און דא שטייט יא אין די תורה, אז דער באשעפער וועט באצאלען שכר מצוה אויף די וועלט. - אין מדרש איז צוגעברענגט א פסוק וואס דוד המלך זאגט (תהלים קיט-נט), 'חשבתי דרכי', איך בין מחשיב מיינע וועגן, 'ואשיבה רגלי אל עדותיך', און איך טוה צוריקקערן מיינע פוס צו די תורה. דער מדרש דרש'נט שוין, וואס דוד המלך האט געוואלט מיט דעם ארויסברענגען.

**עס** קען זיין לענינינו, מען זעהט ביי מצות מילה, ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען אברהם אבינו צו מל'ן יצחק און די שפעטערדיגע דורות, שטייט אין פסוק (בראשית יז-יג) המול ימול יליד ביתך. עס שטייט א דאפעלטע לשון, המול ימול. ווען א גר איז זיך מגייר שטייט אויך אין די תורה אז מען דארף זיך מל'ן, און דארט שטייט נאר איינמאל המול לו כל זכר (שמות יב-מח), עס שטייט נישט צוויי מאל, המול ימול. פארוואס דא שטייט א דאפעלטע לשון, און ביי א גר שטייט נאר איין לשון.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז, עס איז באקאנט וואס שטייט אין **סידורו של שבת** (דרוש ד' פרק ב' מאמר א') אויפן פסוק (בראשית יז-יב) ובן שמונת ימים ימול לכם כל זכר, זאגט ער, אז א יוד איז משתוקק מקיים צו זיין מצות מילה, און ער וואלט שוין געוואלט מל'ן דאס קינד תיכף ווען דאס קינד איז געבוירן, נאר דער אייבערשטער האט אים געהייסעןווארטען אכט טאג, קען ער נישט מל'ן פריער. אבער יעדן טאג האט ער א השתוקקות מקיים צו זיין די מצוה. און אזוי ווי מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה (קידושין מ.), ווערט גערעכנט יעדן טאג ווי ער האט גע'מל'ט דאס קינד, ווייל ער האט א מחשבה טובה צו מל'ן, ער איז נאר צוריקגעהאלטן אז ער קען עס נישט אויספירן ביז דעם אכטן טאג. אמאל איז דא וואס א יוד איז מקיים א מצוה, אבער ער איז געצווינגען, ער מוז עס טון. דער איז נישט מקיים די מצוה, נאר ווען עס קומט בשעת מעשה, און ער מל'ט דאס קינד, האט ער מקיים געווען מצות מילה. א יוד וואס איז משתוקק צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, ער וואלט געוואלט מל'ן דאס קינד תיכף, נאר ער קען דאך נישט ביז די אכטע טאג, ווערט גערעכנט די השתוקקות כאילו ער האט מקיים געווען מצות מילה. זאגט דער הייליגער **באר מים חיים**, ובן שמונת ימים, די גאנצע אכט טאג, איז ער ימול לכם כל זכר. ער מל'ט נישט נאר דעם אכטן טאג, נאר די גאנצע שמונת ימים, אלע אכט טאג איז ער משתוקק דערצו.

**קומט** אויס, אז א קינד וואס מען מל'ט, מל'ט מען אים נישט איינמאל, נאר מען מל'ט אים צענדליגער מאל. ווייל יעדן טאג, און יעדע שעה ווען דער טאטע האט א השתוקקות מקיים צו זיין די מצוה, איז ער דאך מקיים מצות מילה, האט ער אים יעצט גע'מל'ט. אין א שעה ארום האט ער נאך א השתוקקות, מארגען האט ער ווייטער א השתוקקות, ווערט עס נאכאמאל גערעכנט כאילו ער האט אים גע'מל'ט. ביי א יוד איז דא המול ימול, ער מל'ט, און ער מל'ט, ביז ער קומט אן צום אכטן טאג וואס ער מל'ט אים בפועל, און דעמאלטס האט זיך געענדיגט זיין מצות מילה, אבער ביז דעמאלטס האלט ער אין איין מל'ן דאס קינד, ווייל מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה. ביי א גוי איז נישט דא די הלכה פון מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה (תוספות שם לט:). קומט אויס, אז דער גר אפילו ער איז זיך משתוקק מגייר צו זיין, ער וויל זיך מל'ן, אבער די מחשבה ווערט נאכנישט גערעכנט ווי ער האט זיך גע'מל'ט. עס איז נישט דא קיין המול ימול, ער האלט זיך נישט אין איין מל'ן, נאר ווען ער מל'ט זיך בפועל, דעמאלטס האט ער מקיים געווען מצות מילה. ביי א גר ווען ער איז זיך מגייר, איז נאר דא איין מאל מילה, אבער ביי א יוד איז דא מילה בן שמונת ימים. יעדן

טאג ווען ער איז משתוקק מקיים צו זיין די מצוה, ווערט עס גערעכנט ווי ער האט גע'מל'ט דאס קינד.

**אפילו** מען זאגט אז עס איז נישט דא קיין שכר מצוה אויף די וועלט, איז טייטש אז אויף די מצוה וואס דו ביסט מחויב צו טון, אויף דעם איז נישט דא קיין שכר מצוה, אבער אויף דעם השתוקקות וואס א מענטש וויל טון די מצוה פונעם אייבערשטען, ער איז נישט מחוייב צו האבן די השתוקקות, אבער ער האט א געפיל צו א מצוה, דאס טוט אים דער אייבערשטער רעכענען כאילו ער האט מקיים געווען די מצוה, און אויף דעם גיט מען שכר מצוה אויף די וועלט אויך. אויף די עשיית המצוה איז נישט דא קיין שכר, אבער אויף די השתוקקות צו די מצוה, וואס דאס ווערט אויך גערעכנט ווי א מצוה, אויף דעם גיט מען שכר אויף די וועלט אויך (**סידורו של שבת** שם).

**דוד** המלך האט געזאגט, נישט נאר די מצות אליין האבן ביי מיר א חשיבות, נאר חשבתי דרכי, די וועגן ביז איך קום אן צו די מצוה, איז אויך ביי מיר א חשיבות. 'ואשיבה רגלי אל עדותיך', ווייל מיינע פוס ווילן שטענדיג גיין צו די מצות, און אז איך האב א השתוקקות מקיים צו זיין די מצוה, איז ווען איך גיי נאר צו די מצוה, ווערט שוין גערעכנט פאר מיר ווי איך האב מקיים געווען די מצוה. 'אם בחוקותי תלכו' (ויקרא כו-ג), נישט נאר ווען מען וועט מקיים זיין די מצות, נאר ווען מען וועט 'גיין' צו די מצות, 'ואת מצותי תשמרו', און מען וועט ווארטן מען זאל קענען מקיים זיין די מצוה, 'ועשיתם אותם', און נאכדעם וועט מען עס טון, דעמאלטס וועט זיין שכר מצוה אויף די וועלט אויך.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ח סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון שמיטה, ושבתה הארץ שבת לה' (ויקרא כה-ב), און רש"י זאגט, כשם שנאמר בשבת בראשית, אזוי ווי ביי שבת בראשית שטייט שבת לה' (שמות כ-י), די זעלבע שטייט ביי שמיטה. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער צושטעל, שמיטה מיט שבת אינאייינעם.

**עס** קען אפשר זיין א כוונה דערין, דער שבת קוקט אויס פון אויסענווייניג ווי א טאג וואס מען דערלייגט געלט. מען קען נישט האנדלען, און מען קען נישט פארדינען, א טאג וואס מען קען גארנישט טון. אין חיצוניות, איז דער שבת א טאג פון שאדן. דערווייל איז נישט אזוי, עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ב פח.) כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין, אלע ברכות וואס מען האט איבער די וואך, אלעס נעמט זיך פונעם שבת. און וועגן דעם דארף מען מענג זיין דעם שבת, מען דארף צוגרייטען א סעודה, כדי עס זאל זיין ווי די ברכה זאל חל זיין.

**פארוואס** איז שבת דער מקור פון אלע ברכות? וואס ליגט אין שבת, אז דאס איז דער מקור פון די ברכות? עס שטייט אין **אור החיים הק'** (בראשית ב-ג), אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער עס באשאפן, און געגעבן א חיות דערין, אז עס זאל זיך קענען האלטן אויף זעקס טאג, מער זאל זיך די וועלט נישט קענען האלטן. נאכדעם האט ער געגעבן די מצוה פון שבת, און דורכדעם וואס יודען האלטן שבת, געבן זיי א חיות פאר די וועלט, אויף די גאנצע וואך שפעטער. כי 'ששת ימים' עשה ה' את השמים ואת הארץ (שמות כ-יא), נישט 'בששת', אין זעקס טעג, נאר ששת ימים, אויף זעקס טעג האט דער אייבערשטער באשאפן שמים וארץ. ווען נישט דאס וואס מען האלט שבת, וואלט די וועלט נישט געקענט האבן א קיום נאך די זעקס טעג. און ער זאגט, אז זייט בריאת העולם, איז קיינמאל נישט געווען א שבת וואס עס זאל נישט זיין איינער על כל פנים וואס זאל האלטן שבת אויף די וועלט. פון אדם הראשון, ביז מתן תורה אליין, איז אלץ געווען צדיקים וואס האבן געהאלטן שבת. וועגן דעם זאגט די גמרא (שבת קיט:) אז ווען א מענטש האלט שבת, איז ער נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית, ווי אזוי קען מען ווערן א שותף צו א זאך וואס איז שוין לאנג באשאפן. ער האלט היינט שבת, און ער ווערט א שותף מיט א געשעפט וואס דער אייבערשטער האט אויפגעשטעלט מיט אפאר טויזנט יאר צוריק. ווי אזוי ווערט ער א שותף. נאר אז דער אייבערשטער האט אויפגעשטעלט די וועלט אז עס האלט זיך נאר ביז

שבת. איז יעדעס מאל וואס א יוד האלט שבת, איז פאר די קומענדיגע וואך האב איך געגעבן א חיות פאר די וועלט, אז עס זאל זיך קענען האלטן.

**מען** ווייסט אז יעקב מיט עשו האבן זיך צוטיילט א חלוקה, יעקב האט גענומען עולם הבא, און עשו האט גענומען עולם הזה (תנא דבי אליהו זוטא יט). פאר אונז האט עשו נישט איבערגעלאזט אין עולם הזה, נאר וויפיל מען דארף האבן צום לעבן. די עולם הזה געהערט נישט צו אונז, עס געהערט פאר עשו. נאר אז די וועלט קען זיך נישט האלטן אנדעם וואס יודען היטן שבת, קומט אויס, אז ווען עשו האט איבערגענומען עולם הזה, און עשו איז נישט קיין שומר שבת, האט ער איבערגענומען א וועלט וואס וועט זיך נישט האלטן מער פון זעקס טעג. דאס וואס די וועלט האלט זיך לענגער, איז דורכדעם וואס יודען היטן שבת. זענען מיר דאך א מציל מזוטו של ים, מיר זענען מציל די וועלט אז עס זאל נישט אונטערגיין, און ווען א מענטש איז מציל מזוטו של ים, איז הרי אלו שלו, איז עס זיינס (בבא מציעא כד.). קומט אויס, אז דורכן שבת האבן מיר א חלק אויך אין עולם הזה.

**לויט** די חלוקה פון יעקב און עשו וואלט אויסגעקומען אז מיר זענען זייער באגרעניצט אין עולם הזה. אלעס געהערט פאר עשו, און אונז קען מיר נאר אראפנעמען וואס מען דארף האבן צום לעבן. אבער ווען איינער האלט שבת, איז נותנים לו נחלה בלי מצרים (שבת קיח.), באקומט ער עולם הזה אן קיין גרעניצן, ווייל ווען נישט ער האלט שבת, וואלט נישט געווען קיין קיום פאר די וועלט. די קיום פאר די וועלט איז דורך דיר, האסטו א רעכט צו גאנץ עולם הזה. קומט אויס, אז דער שבת דאס גיט די ברכה פאר די גאנצע וואך, ווייל טאמער מען זאל נישט האלטן שבת, האסטו דאך נישט קיין שייכות צו עולם הזה. נאר אז דו האלטסט שבת, און דו ביסט מקיים די וועלט, קענסטו געבענטשט ווערן מיט עולם הזה.

**שמיטה** איז אויך די זעלבע. שמיטה קוקט אויס, ווי מען זאגט פאר א מענטש שפאר צו דיין ביזנעס אויף איין יאר. נעם נישט קיין ארדערס, עס איז נישט דא גארנישט. איין יאר באארבעט נישט דיינע פעלדער, מען קען נישט האבן קיין געשעפטען איין יאר. און אמאל האט מען געלעבט אויף דעם, אנדעם האט מען נישט געהאט וואס צו עסן, דאס איז געווען די פרנסה וואס מען האט געדארפט האבן. און דער אייבערשטער האט געזאגט מען זאל פארשפארן, שמיטה איז נישט דא קיין געשעפטן. קוקט עס אויס ווי א געוואלדיגע שאדן. אבער עס איז נישט קיין שאדן, ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט, וצויתי את ברכתי (ויקרא כה-כא) דער אייבערשטער גיט אריין די ברכה. אפילו א זאך וואס קוקט אויס פאר די אויגן ווי עס איז א שאדן, איז עס נישט קיין שאדן, נאר דארט ליגט די ברכה. והיתה שבת הארץ לכם לאכלה (שם כה-ו), דער שבת הארץ דאס ברענגט א ברכה מען זאל האבן פון וואס צו עסן. כשם שנאמר בשבת בראשית, פונקט ווי ביי יעדע שבת, איז דער שבת משפיע פאר די גאנצע וואך, אזוי אויך איז שמיטה א משפיע פאר די זעקס יאר.

**רש"י** (שם כה-א) זאגט, אז דער אייבערשטער האט מסמיך געווען די מצוה פון שמיטה צו הר סיני, און מען האט צוגעגליכן די גאנצע תורה צו שמיטה. ביי שמיטה זעהן מיר, אז ווען א יוד פאלגט דעם אייבערשטען, איז ער מצליח. בדרך הטבע דארף ער האבן א שאדן ווען ער פאלגט און ער האלט שמיטה, אבער ביז דערווייל זאגט דער באשעפער וצויתי את ברכתי, אויב דו ווילסט האלטן שמיטה באקומסטו א ברכה לשלש השנים, עס וועט וואקסען חוץ לדרך הטבע. אין די געשעפטען פון די זעקסטע יאר, וועסטו האבן מער. אז מען האלט נישט קיין שמיטה, פארלירט ער זיין פעלד אויך. די משנה (אבות ה-ט) זאגט, אז גלות קומט ווען מען האלט נישט קיין שמיטה, און דעמאלטס פארלירט מען אלעס. ווען א יוד פאלגט וואס דער אייבערשטער זאגט, שטייט אין מדרש (דב"ר ד-ה), אז דער אייבערשער זאגט, אין אדם שומע לי ומפסיד, פון מיך פאלגען, גייט מען נישט ארויס מיט קיין שאדן. אז מען פאלגט וואס דער אייבערשטער זאגט, דארט ליגט די ברכה. שבת ווייזט אויף דעם, אז נישט נאר אז מען דערלייגט נישט פונעם שבת, נאר כל ברכאן דלעילא ותתא איז תלוי אינעם שבת, דאס ברענגט די ברכה.

**האט** די תורה מסמיך געווען אז שמיטה איז אויך די זעלבע. מען זעהט ביי שמיטה וצויתי את ברכתי, אויב דו וועסט האלטן שמיטה, וועסטו האבן מער פון וואס דו האסט זיך גערישט. די תורה האט עס

מקיש געווען צו הר סיני, דו זאלסט וויסן אז אלע מצות אין די תורה זענען אויך די זעלבע, **ווען עס קומט פאר א מענטש א נסיון, אז טאמער איך וועל אוועקגיין פון די דרכי התורה וועל איך פארדינען, און אויב איך וועל זיך דארפן פירן מיט די דרכי התורה, וועל איך דערלייגען. עס איז דא געשעפטען וואס מען מאכט, און מען האט פראבלעמען, איינמאל איז עס מיט אל תונו** (ויקרא כה יד), **אפנארן יענעם, שבת האלטן, נישט נעמען קין רבית, און אנדערע הלכות וואס איז אלץ פארבינדן מיט די תורה. און עס קוקט אויס, אז אויב איך וועל זיין פרום וועל איך פארלירן. מען פארלירט גארנישט! און אפילו מען פארלירט אויף איין פלאץ, גיט דער אייבערשטער נאכדעם א ברכה אויף א צווייטע פלאץ. און אמאל איז דא פארקערט אויך, אז מען האט פארדינט אויף א פלאץ שלא ביושר, דא האט ער טאקע פארדינט, אבער פון א אנדערע פלאץ פארלירט ער נאכדעם. מען איז נישט קלוגער פונעם אייבערשטען! אז מען טוט וואס דער אייבערשטער זאגט, דארט קומט אריין די ברכה.** האט דער אייבערשטער מסמיך געווען שמיטה נעבן הר סיני, צו ווייזען אז ביי די גאנצע תורה איז אזוי ווי ביי שמיטה, וצויתי את ברכתי לכם וגו', ועשת את התבואה לשלש השנים.

*

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחתביילוש שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר חיים אברהם ביילוש ע"ה).

***וזה תוכן השיחה:***

**אחיה הר"ר משה מענדל מענדלאוויטש:** מיין טאטע פלעגט פארן צו **רבי אברהם שלום פון סטראפקוב זצ"ל.** מיין טאטע איז געווען א שותף מיט זיין ברודער, און יעדע מוצאי שבת האט איין ברודער געמוזט פארן קיין קאשוי צום **סטראפקובער רב**, ער האט אויף אלעם געמוזט געבן א הסכמה. ווען עס איז געווען די צרות צייטן, האט ער געדארפט האבן א שותפות מיט א גוי, און דער גוי האט געזאגט, אז ער וועט מסר'ן, האט דער **סטראפקובער רב** געזאגט, ער וועט נישט דערלעבן דאס צו טון. און ער האט איינגענומען א מיתה משונה.

ער איז געווען א איש אמת. א יוד האט מיר דא דערציילט, אז דער **סטראפקובער רב** איז געקומען אמאל צו זיי אין שטעטל אויף א שבת, און מען האט געמאכט א גרויסע שאטער וואו ער זאל פירן טיש. ווען מען איז געקומען צום טיש, האט מען געזעהן אז ער האט שוין אפגעגעסן. האט ער געזאגט, יאך בין געווען הונגעריג, האב איך געגעסן.

**א' האבלים:** דער זאלישער רבי האט פארציילט, אז דער **סטראפקובער רב, רבי אברהם שלום**, איז אמאל געווען ביי זיי, און ער האט געפירט טיש, און ער האט געטיילט שיריים. און עס איז געזעסן דארט דער רב פונעם שטאט, און דער דריטער איז געזעסן דער מלמד. און ווען ער האט געגעבן שיריים, האט ער אויסגעלאזט דעם מלמד. אזוי איז געווען ביים ערשטען מאל, און ביים צווייטען מאל, ער האט אים כסדר אויסגעלאזט. די דריטע מאל האט דער הויז בחור געזאגט, רבי, דאס איז דער מלמד. האט ער געזאגט, יאך האב געהערט אז ער שלאגט יודישע קינדערלעך, יאך וויל אים נישט געבן קיין שיריים.

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **לאדאני'ער רב זצ"ל,** אז אמאל כל נדרי ביינאכט תיכף נאך די שמונה עשרה, האט ער זיך אויפגעהויבן פון בית המדרש, און ער איז אהיימגעגאנגען. און מען האט אים געפרעגט שפעטער פארוואס ער איז אהיימגעגאנגען אינמיטן דאווענען. האט ער געזאגט, איך האב היינט געהאט א גרויס געזעגענאכטס, און עס ליגט ביי מיר אינדערהיים אסאך געלט, און עס האט מיך אנגעהויבן צו רודערן אפשר וועט איינער גנב'נען דאס געלט. ווי איידער עס זאל מיך רודערן ביים דאווענען, זיץ איך אינדערהיים און איך היט עס אפ. דאס איז אמת'דיגקייט.

*

***יום שני פרשת בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת זופניק שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר יצחק מנחם זופניק ע"ה).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** מען האט היינט גערעדט דא וועגן די מעשה וואס דער רב ברענגט אין **תולדות ערוגת**

**הבשם**, אז דער **ערוגת הבשם** האט געלערנט ביים **כתב סופר**, און ווען **רבי דוד'ל טאלנער זי"ע** איז געקומען קיין וויענער-באדן האט ער געשיקט די בחורים שלום נעמען. און עס איז געווען פארשלאסען די טיר. דער **ערוגת הבשם** איז געווען א גרויסער מתמיד, האט ער א קלאפ געגעבן אין די טיר. און דער גבאי איז ארויסגעקומען, דרך ארץ, עס איז נאך פארן דאווענען. האט ער געזאגט, א רבי וואס דאווענט נאך זמן תפלה וויל איך ניקס קענען. און ער האט זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאנגען. און ער האט כל ימיו חרטה געהאט (עיין **בתולדות ערוגת הבשם** החדש דף קלא).

**רבינו:** איך מיין אז עס שטייט אויך אין **תולדות ערוגת הבשם**, אז ער האט געזאגט דאס לעצטע יאר, פאר ער איז אוועק, און ער איז שוין געווען שוואך, אז איך וואלט היינט געגאנגען צו פיס די גאנצע וועג צו זעהן דעם **צאנזער רב זי"ע**[א].

**א' האבלים:** **רבי דוד טאלנער** איז געקומען פון רוסלאנד קיין וויענער באדן?

---

[א] ראה בספר **תולדות ערוגת הבשם החדש** (דף שכב) וזה לשונו: רבינו היה רגיל לספר: שבימי חורפו, כשכבר היה בר מצוה, בעת תקופת לימודיו בישיבת ק"ק צעהלים, אצל רבו **הגאון רבי מנחם כ"ץ פרוסטניץ זצ"ל**. נזדמן **הרה"ק מצאנז זי"ע** למרחץ ווינער-באדען', וסגל חבורה מבחורי חמד בני הישיבה, נמנו וגמרו לנסוע אליו על שבת קודש, לראות את התנהגותו ודרכיו הק'. - אף הוא חשקה נפשו להצטרף עמהם, לראות מקרוב את עבודתו הקדושה, וללמוד ממנו דרכי עבודה. אמנם כיון שהרגיש שכמה מבני החבורה אינם הולכים לשם שמים, וכל מגמתם רק כדי לעשות שחוק מדרכי החסידים ורבותיהם. גמר בדעתו שלא לנסוע עם חבורה כזאת, ועדיף יותר לעת כזאת להשאר בבית רבו, ולא לילך במושב לצים וסוד משחקים. ואכן כאשר חזרו הבחורים מווינער-באדען, עסקו איזה מהם בשחוק והתול כדרכם כסל למו על **הרה"ק מצאנז זי"ע** ודרכי החסידים. והוא שש ושמח שלא הלך בדרך אתם, ובעוד מועד מנע רגלו מנתיבתם.

אולם לעת זקנתו וחליו, כשכבר לא היה בכחו לילך ברגליו, והיו צריכים מחמת חליו להוביל אותו. והיה נגוע ומיוסר ביסורים גדולים ונוראים. היה רבינו מרבה להתאונן, על שלא נסע אז לקבל אפי שכינתא, באמרו: שברור הדבר בעיניו, שאילו היה נוסע אז להסתופף בצילו, היה נשאר דבוק ביתר שאת **להרה"ק מצאנז זי"ע**. והיה מסיים ואומר: שאם היה עתה באפשרות לראות ולקבל פני קדשו של מרן **בעל דברי חיים זי"ע**, היה הולך מאתיים פרסאות רגלי, אפילו במצב כזה שהנני שרוי עתה.

**רבינו:** אין וויען איז מען געקומען זיך היילען. עס איז געווען דארט די גרעסטע שפיטאל פון די גאנצע געגענט.

**א' האבלים:** דער **דברי חיים** איז אויך געווען אסאך אין וויען.

**רבינו:** דער **בעלזער רב**, **רבי יהושע**, איז דאך אוועק ווען ער איז געווען אין וויען. און מען האט אים אנגעטון געהעריג, און ארויפגעזעצט אויף די באן, און מען האט אים אריבערגעפירט די גרעניץ. אז נישט, וואלט געווען פראבלעמען מיט די שריפטן, און מען וואלט אויפגעהאלטן אפאר טעג ביז מען וואלט געקענט מאכן די לויה.

**א' האבלים:** דער **ערוגת הבשם** איז געווארן א חסיד פונעם **ייטב לב**, און ער האט זיך געהאלטן נאנט צום **קדושת יום טוב**. און דער **קדושת יום טוב** האט אים געבעטן אז ער זאל זיך האלטן קיין בעלזא, ווייל אויב ער וועט זיין צו נאנט צו אים, וועט ער נישט קענען אויפטון אזויפיל, ווייל יעדע זאך וואס ער וועט אונטערשרייבן אינעם קאנצליי, וועט מען זאגן אז ער איז א חסיד פונעם **קדושת יום טוב**. דו זאלסט פארן קיין בעלזא, און מיט מיר זאלסטו בלייבן א ידיד (ראה **בתולדות ערוגת הבשם** החדש דף שסב). - ער האט געלערנט די ספרים פונעם **ייטב לב**, און דורכדעם איז ער געווארן א חסיד.

**רבינו:** דער **ייטב לב** האט געדרוקט זיין ספר אן א נאמען[ב].

**א' האבלים:** עס איז א פלא, ער שרייבט דאך דארט (בפ' בא) חתני הרב הקדוש... (על חתנו **הרה"ק מראזוואדוב זצ"ל**).

**רבינו:** און ער שרייבט דער זיידע דער **ישמח משה**.

**א' האבלים:** וואס איז פשט?

**רבינו:** ער האט עס נישט געוואלט באהאלטן, אבער זיין נאמען האט ער נישט געוואלט שרייבען. ווער

---

[ב] ראה בספר **תולדות ערוגת הבשם החדש** (דף קלה) וזה לשונו: אם כי רבינו אכן התחיל להגות באמרי שפר, בספרי קודש אשר יצאו בקדושה מרבותינו הק' שרפי מעלה אבירי החסידות, אך עדיין לא אחז צדיק דרכו לנסוע להסתופף בצל כנפי הצדיקים ולהתדבק בהם. ויהי באחד הימים בעודו מתגורר בק"ק טשארנא, בא לידיו הספר **ייטב לב, מהרה"ק רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים זי"ע** אב"ד סיגוט, אשר נדפס בראשונה בעילום שם המחבר. הספר הוטב בעיניו, וכיון ששם מחברו לא היה חקוק על שער הספר, השתוקק מאד לידע ולהכיר את מחברו, באמרו: כי מבין שיטי הספר ניכר, שמחברו גדול בתורה וביראה. לאחר שחקר ודרש, נודע לו שמחברו הוא הרב מסיגוט, ואז גמר בדעתו, לנסוע אליו לשבת ע"ש.

עס וועט וויסן, וועט וויסן, און ווער עס וועט נישט וויסן, וועט נישט וויסן.

דעם ספר **ייטב לב**, אזוי ווי עס איז נישט געשטאנען א נאמען אויפן ספר, איז געווען איינער וואס האט איבערגעדרוקט דעם **ייטב לב** אויף זיין נאמען. [איך ווייס נישט צו עס איז געווען בחייו פונעם **ייטב לב]**. ער האט עס געשיקט פארן עושר ראטשילד, ער האט באצאלט אסאך געלט פאר ספרים, און עס איז אים געווען אויפפאלענד וכדומה, האט ער געשיקט דאס געלט פארן **מהר"ם שיק**, אז ער זאל זעהן דאס ממציא צו זיין פאר דעם יוד, און אזוי איז מען ארויפגעקומען אז עס איז א זיוף.

*

בשעות הערב הגיע לבית **רבינו שליט"א** הנהלת הישוב החדש בשכונת דזשעקסאן ניו דזשערזי, וכיבדו את **רבינו שליט"א** בכתיבת האותיות בספר תורה שנכתב לבית המדרש של השכונה.

*

***יום רביעי פרשת בחוקותי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **הערשל נוסענצווייג** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **הערשל נוסענצווייג** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

*

***יום חמישי פרשת בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'.

***קטע מתוך השיעור:***

**די** תורה זאגט די וואך ביי די ברכות, ורדפתם את אויביכם, עטץ וועטס נאכיאגן ענקערע פיינט, ונפלו לפניכם לחרב, און זיי וועלן פאלען פאר ענק לחרב. ורדפו מכם חמשה מאה, פינף פון ענק וועלן נאכיאגן הונדערט, ומאה מכם רבבה ירדופו, און הונדערט פון ענק וועלן נאכיאגן צען טויזנט, ונפלו אויביכם לפניכם לחרב (ויקרא כו-ז), און ענקערע פיינט וועלן פאלען לחרב. וואס איז דער חשבון? וויפיל וועט א מענטש קענען פארטרייבען פון די גוים? 'חמשה', ווען עס וועלן ארויסגיין פינף, 'מאה', וועלן זיי פארטרייבען הונדערט. וויפיל קומט אויס פאר יעדן עקסטער? צוואנציג. קומט אויס, אז יעדער איינער פון ענק וועט דער אייבערשטער געבן כח אז ער וועט זיין שטערקער פון צוואנציג פון די פיינט. 'ומאה מכם', ווען הונדערט וועלן ארויסגיין, לויטן חשבון פריער, וויפיל וואלטן זיי געדארפט קענען הרגענען, הונדערט מאל צוואנציג, איז צוויי טויזנט. און דער פסוק זאגט, 'ומאה מכם רבבה ירדופו', אז הונדערט פון ענק וועלן פארטרייבען צען טויזנט, פינף מאל מער.

**רש"י** פרעגט דערויף, וכי כך הוא החשבון, איז דען דער חשבון אזוי, אז חמשה מאה ומאה רבבה, והלא היה צריך לומר ומאה מכם שני אלפים ירדופו, נאר צוויי טויזנט. אלא אינו דומה מועטין העושין את התורה למרובין העושין את התורה. ווען עס נעמען זיך צוזאם מרובין העושין את התורה, האבן זיי א עקסטערע זכות, און זיי זענען שטערקער פון ווען זיי זענען נאר מועטין. ווען עס גייען ארויס פינף מענטשען מלחמה האלטען, קענען זיי נאר פארטרייבען הונדערט, און אז די זעלבע פינף מענטשען וועלן ארויסגיין מיט נאך פינף און ניינציג צוזאמען, האבן זיי א כח פינף מאל אזויפיל. יעדער איינער פון זיי באקומט פינף מאל אזויפל כוחות, יעדער וועט הרג'ענען הונדערט, און הונדערט מאל הונדערט איז צען טויזנט.

**די** נקודת הדברים וואס איז נוגע פאר אונז פון די פרשה איז, אז ווען עס איז דא א מלחמת מצוה, מען דארף ארויסגיין אין מלחמה, זאגט די תורה, אז ווי מער מענטשען עס וועלן ארויסגיין, וועט זיין די זכות א גרעסערע זכות. ווען עס גייען ארויס פינף מענטשען, וועלן זיי נאר קענען הרג'ענען הונדערט, אבער ווען צו די זעלבע פינף גייען צו נאך פינף און ניינציג, באקומט יעדער איינער פון זיי א כח, אז ער קען הרג'ענען נישט נאר צוואנציג, ער קען הרג'ענען

פינף מאל אזויפיל. דאס איז טייטש, אז יעדע חבורה וואס קומען זיך צוזאמען, איז ווי גרעסער די חבורה איז, האט יעדער א גרעסערן כח אין די חבורה.

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות כו.), אז דער פסוק (קהלת א-טו) זאגט, מעות לא יוכל לתקון, אמאל איז דא א מעות וואס א מענטש קען נישט מתקן זיין. ער האט געטון א זאך וואס איז נישט ריכטיג, און ער קען עס מער נישט מתקן זיין. וחסרון לא יוכל להמנות, אמאל איז דא א חסרון, וואס ער קען עס נישט איבערציילען. ער האט פארפעלט א זאך, און עס איז פארפאלן. טייטשט די גמרא, אז **מעות לא יוכל לתקון גייט ארויף אויף איינער וואס האט פארפאסט זמן קריאת שמע. ער האט געטון א מעות, ער האט פארפאסט זמן קריאת שמע, לא יוכל לתקון, אין דעם טאג קענסטו מער נישט ליינען קיין קריאת שמע, דעם טאג גייט שוין מער נישט זיין. דו קענסט דיין גאנץ לעבן ליינען קריאת שמע בזמנה, אבער היינט האסטו פארפאסט א קריאת שמע בזמנה, און דו קענסט עס נישט מתקן זיין.** וחסרון לא יוכל להמנות, וואס מיינט א חסרון וואס ער קען זיך נישט צוזאמציילען, זה שנמנו חביריו לדבר מצוה, ולא נמנה עמהם. די חברים האבען זיך צוזאמגענומען צו טון א דבר מצוה, און ער איז געשטאנען אינדערזייט, און ער האט זיך נישט מיטגעציילט צוזאמען מיט זיי. וחסרון, דו האסט געטון דא אזא חסרון, וואס לא יוכל להמנות, דו קענסט זיך מער נישט צוזאמציילען. דו ביסט ארויסגעפאלען פון די חבורה, דו האסט פארלוירן דעם זכות וואס דו האסט געהאט פון די חבורה. דאס איז טייטש, אז **יעדע זאך וואס חברים נעמען זיך צוזאם, און א מענטש שטעלט זיך נישט צו דערצו, רופט אן די גמרא אז דאס איז א חסרון לא יוכל להמנות. דו האסט פארפעלט א זאך וואס דו קענסט עס נישט איבערציילען נאכאמאל.**

**אין יעדע ישיבה איז דא אסאך חבורות, עס איז דא חבורת 'ובהם נהגה', עס איז דא א חבורה וואס מען מאכט שובבי"ם אז מען זאל נישט רעדן ביים דאווענען, און פארן דאווענען. אלץ איז דא געוויסע חבורות וואס בחורים יראי ה' נעמען זיך צוזאם און מאכן א געוויסע חבורה. ווי גרעסער די חבורה איז, באקומט יעדער איינער עקסטער א גרעסערן כח מן השמים אז ער זאל עס קענען אויספירן.** עס איז נישט די טייטש, אז פינף האבן גענומען א חבורה אויף זיך צו טון א זאך, און עס איז צוגעקומען נאך פינף וואס טוען עס. נאר די פינף האבן אויפגעהויבן די פריערדיגע פינעף אויף א העכערע מדריגה פון וואס עס איז געווען פריער. אזוי שטייט דא אין פסוק, אינו דומה מועטין העושין את התורה למרובין העושין את התורה. ביידע גייען ארויס צו די זעלבע מלחמה, אבער אז מועטין גייען ארויס, איז די כח נאר חמשה מאה, און אז עס גייען ארויס מאה, באקומט יעדער איינער פינף מאל אזויפיל כוחות, אז א יעדער פון זיי קען הרג'ענען הונדערט. יעדע חבורה וואס מען שטעלט זיך צוזאם, ווי גרעסער די חבורה איז, ווי מער מענטשען זענען זיך מחבר צו די חבורה, באקומט יעדער איינער א גרעסערן כח, ער זאל עס קענען טון.

**עס** איז דא א שיינער דיוק אינעם **צל"ח** (ברכות שם), אז די גמרא זאגט נישט, אז ער האט זיך נישט צוגעשטעלט צו די חבורה. שנמנו חבריו לדבר מצוה ולא נמנה, ער האט זיך נישט צוגעשטעלט. נאר ולא נמנה 'עמהם', ער האט זיך נישט צוגעשטעלט מיט זיי. זאגט דער **צל"ח**, ווען מענטשען שטעלן זיך צוזאם מיט א חבורה פאר א געוויסע זאך, און ער גייט אויך טון די זעלבע זאך וואס יענע גייען טון, אבער ער גייט עס טון פאר זיך, איך באלאנג נישט אין די חבורה, אבער איך גיי טון די זעלבע זאך. **עס איז טאקע דא א חבורה 'לגדור ולשמור', וואס יעדער נעמט אויף זיך א געוויסע דבר טוב וואס ער גייט זיך אפהיטן. און איך גיי עס אויך טון, אבער איך גיי זיך נישט צוזאמשטעלן מיט די חבורה, איך גיי עס טון פאר מיר אליין, האט ער נישט דעם כח פון די ברכה וואס זאל אים געבן די חיזוק פון די גאצע חבורה.** שנמנו חבריו לדבר מצוה ולא נמנה 'עמהם', אפילו ער איז נמנה, ער טוט די זעלבע זאך, אבער ער טוט עס פאר זיך אליין, נישט צוזאמען מיט זיי, האט ער פארלוירן די חשיבות פון די דבר מצוה.

**עס** שטייט אין **אהבת חסד** פונעם **חפץ חיים זצ"ל**, ער רעדט דארט אקעגן א גמ"ח, וואס עס איז נוגע פאר אונז אויך, קופת חתנים, וואס מען שטעלט זיך צוזאם ארויסצוהעלפן פאר א חתן ווען עס קומט די צייט און ער דארף האבן מען זאל אים ארויסהעלפן. זאגט דער **חפץ חיים**, אויפשטעלן א גמ"ח איז אנדערש פון וואס א יוד בארגט געלט

פאר יעדן יוד וואס קומט צו אים, ווייל אזוי ווי מען שטעלט אויף א גמ"ח צוזאמען, איז עס מרובין העושין את המצוה. און יעדער איינער באקומט דעם שכר פון אלע צוזאמען. צען מענטשען וואס יעדער האט געגעבן הונדערט דאלער פאר די חבורה, איז עס טויזנט דאלער. זאגט מען נישט, אז יעדער האט נאר א זכות פון הונדערט. טויזנט דאלער איז ארויסגעגאנגען פון דא פאר א דבר מצוה, וועט מען יעצט צוטיילען דעם שכר, אז יעדער באקומט צען פראצענט. ניין, אז מען האט זיך צוזאם געשטעלט אלע פאר א דבר מצוה, און פון אונז צוזאמען איז ארויסגעגאנגען דא טויזנט דאלער, האט יעדער די זכות פון די גאנצע טויזנט. און ער ברענגט א ראיה דערויף פון הלכות שבת (סימן שט"ז סעיף ה'), אז די הלכה איז, וועז צוויי מענטשן טוען א מלאכה צוזאמען, איז די הלכה אז מען איז פטור, שנים שעשאוהו פטורין. אבער זה אינו יכול וזה אינו יכול, אויב יעדער איינער קען עס נישט טון, נאר אויב ער האט א חבורה דעמאלטס קען ער עס טון, זענען ביידע חייב מיתה ביי שבת. ווייל מען זאגט, דו האסט געטון די גאנצע מלאכה, און דו האסט געטון די גאנצע מלאכה. זעהט מען די געוואלדיגע חשיבות אז מען שטעלט זיך צוזאמען, וואס פאר א חשיבות עס האט. **קיינער וועט נישט גיין בעטן, איך בין א חתן געב מיר געלט צו די חתונה, אבער אויב עס איז דא א קופה ווי עס איז דא געלט, קומט ער צו די קופה, און ער בעהט אז מען זאל אים געבן, און מען קען אים ארויסהעלפן. און א קופה קען נישט טון איינער אליין, עס מוז זיין אלע צוזאמען.**

**און** זיי ברענגען צו, אז דאס איז פשט וואס מען זאגט פרוטה פרוטה מצטרפת, אז א חבורה וואס איז דא אויף צדקה, און יעדער איינער האט געגעבן א חלק, איך האב געגעבן א פרוטה און יענער האט געגעבן א פרוטה, האבן מיר צוזאמען צוויי פרוטות, באקומט יעדער איינער די שכר אויףביידע. דאס איז דער אינו דומה מועטין העושין את המצוה למרובין העושין את המצוה, **יעדער דבר טוב וואס איז דא, דארף א מענטש זיך פראבירן צוצושטעלן, איך בין א חלק דערפון. אפילו ער וויל עס ממילא טון. לא מבעיא ווען דו האלטסט עס אינגאנצן נישט ביים טון, האט ער זיכער פארלוירן, אז ער האט נישט קיין חלק אין די חבורה וואס האבן עס געטון, נאר אפילו ער איז זיך מצרף דערצו, אבער איך בין זיך נישט מצרף אלץ א חבורה, איך גיי עס טון עקסטער. איך בין אויך מקבל וואס יענער איז מקבל אויף זיך, אבער איך בין נישט פון די וואס האבן זיך אונטערגעשריבן צו טון א געוויסע זאך, פעלט אים אין די מרובין העושין את המצוה. ווען עס וועט קומען צו טיילען שכר, וואס איז ארויסגעקומען פון די גאנצע חבורה, באקומט יעדער דעם שכר פון די גאנצע חבורה, ווייל די זאך האבן אלע צוזאמען געשאפען. דאס וואס ער טוט פאר זיך, וועט ער באקומען שכר אויף דעם וואס ער האט געטון, אבער ער באקומט נאר שכר אזוי ווי א יחיד וואס האט עס געטון.** מען זעהט דא, אז די שכר איז פינף מאל אזויפיל, עס איז אינו דומה מועטין העושין את התורה למרובין העושין את התורה. ורדפו מכם חמשה מאה, איינער קען נאר הרג'ענען צוואנציג, און אז עס איז געווארן א חבורה פון הונדערט, קענען זיי הרג'ענען פינף מאל אזויפיל, יעדער איינער הונדערט.

**פון** יעדע פרשה אין די תורה, לערנט מען זיך אראפ א געוויסען מוסר. די מוסר השכל וואס מען קען זיך אראפלערנען פון די פרשה איז, אז **יעדע דבר טוב וואס מען מאכט אין א ישיבה, און עס איז נמנו חבריו, עס שטעלן זיך צוזאם א חבורה פאר א זאך, דארף מען וויסן די זכות פון זיך צושטעלן דערצו. נישט זיין פאר זיך עקסטער. לא מבעיא ווען ער האלט אינגאנצן נישט דערביי, האט ער אוודאי פארלוירן אז ער קען זיך נישט ממנה זיין מיט די חבורה. נאר אפילו ער איז גרייט צו טון, אבער ולא נמנה 'עמהם', ער וויל נישט האבן די עול פון א חבורה צוזאמען. איך טוה עס פאר מיר אליין, איז עס אינו דומה. יעדער איינער וואס קומט צו צו א חבורה, האט ער געמאכט די מרובין מער, עס איז געווארן מיט איינעם מער. ווען עס איז צוגעקומען פינף איז די חבורה געווארן מיט פינף מער, באקומט מען שכר כאילו ער האט אויפגעשטעלט די גאנצע חבורה, און יעדער איינער באקומט שכר אויף אלעם. מען דארף האבן א התבוננות ביי יעדע זאך וואס מען שטעלט זיך צוזאם צו מאכן א געוויסע דבר טוב, וויסן די חשיבות פון זיך צושטעלן, און נישט זיין אינדרויסן.**

*

אחר כך התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** וויליאמסבורג וועט האבן א זכיה. איך וועל נישט זיין דא אויף שבת, עס איז שוין געווען אפגעשמועסט פון פריער. די קהלה איז דאך צוטיילט ביי אונז, א חלק דא, און א חלק אין בארא פארק, איז מזמן לזמן גיי איך אהין אויף שבת.

**האדמו"ר מסקולען:** נישט אויסלאזן בארא פארק פון אנווארימען יודען שבת.

**רבינו:** זיי זענען נאך ווארעם פון די פאריגע וואך...

**האדמו"ר מסקולען:** דער רב האט מיר געזאגט חול המועד, אז דער טאטע האט מיר איבערגעלאזט א ירושה, יודען. (זה לשון **רבינו שליט"א**: דער טאטע האט איבערגעלאזט א גרויסע ירושה. איך מיין נישט חסד לאברהם, ער האט איבערגעלאזט אסאך יודען וואס דארפן א רבי).

מען דארף גיין בדרכי אבות. אם בחוקותי תלכו (ויקרא כו-ג), איז די ראשי תיבות אב"ת. די טאטע זצ"ל פלעגט טייטשן והיה עקב תשמעון (דברים ז-יב), און רש"י זאגט, המצות קלות שאדם דש בעקביו. וואס איז די לשון 'דש בעקביו'. א מענטש דארף קוקען נישט נאר אויף די מצות, נאר נאכגיין די טריט פון די אבות, אויף דעם קומט שכר.

**רבינו:** אם לא תדעו לך היפה בנשים, צאו לך בעקבי הצאן (שיר א-ח), מען דארף גיין נאכן עקב.

ווען דער זיידע (**האדמו"ר בעל נועם אליעזר מסקולען זצ"ל**) איז ארויסגעקומען (מעיר רומעניע), איז ער געקומען קודם קיין וויליאמסבורג. די דירה איז געווען ביי רבי יוסף בוקסבוים. איך האב אסאך מאל געדאווענט דארט מעריב. איך האב נישט מיטגעדאווענט, ווייל עס איז געווען צו לאנג די קריאת שמע.

**האדמו"ר מסקולען:** ווען איך האב געטוהן דעם ערשטען שידוך מיט מיין זון, ער איז א איידעם ביי מיין שוואגער פון מאנסי, רבי שמואל אליעזר ברוינשטיין. איך בין א תלמיד פונעם **פאפא רב אין מאנטריאל**, האב ער מיר געזאגט, אם לא תדעו לך היפה בנשים, צאו לך בעקבי הצאן. די אבות האבן זיך אויך אזוי משדך געווען מיט די משפחה.

**רבינו:** ולקחת אשה לבני ממשפחתי (בראשית כד-מ).

**האדמו"ר מסקולען:** איך האב נעכטן אינזין געהאט אויף די גמרא (בבא בתרא קמא.), בת תחלה סימן יפה לבנים. אז די גמרא (נדרים פא.) זאגט, פארוואס איז חרוב געווארן ירושלים, מפני שלא ברכו בתורה תחלה. ביי ברכת התורה בעהט מען זיך אויס אויף די קינדער, ונהיה אנחנו וצאצאינו וכו'. ב"ת איז ב'רכת ת'ורה, אויב עס איז ברכו בתורה תחלה, איז סימן יפה לבנים.

**רבינו:** עס איז דא א ווארט פונעם **גערער רבי**, אויף בת תחלה סימן יפה לבנים. אז די גמרא (סוטה יב.) זאגט, הנושא אשה לשם שמים, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדה. אויב מען האט חתונה ערליך, ווערט די ווייב גערעכנט אזוי ווי א טאכטער. קומט אויס, אז 'די' טאכטער האט ער שוין פאר ער האט קינדער, ער באקומט עס בשעת ער האט חתונה. 'בת תחלה', טאמער עס איז קודם די בת, אז ער איז נושא אשה לשם שמים, וואס עס איז כאילו ילדה, דעמאלטס איז 'סימן יפה לבנים'.

**האדמו"ר מסקולען:** בנים איז אויך רומז אויף חידושי תורה. מען קען מיט דעם מקיים זיין פריה ורביה כבן עזאי (יבמות סג:, עיין **בדרך פיקודיך** מצוה א חלק המחשבה אות כו). דער **רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג** האט געזאגט, אז א טאג וואס ער האט נישט געזאגט ערליך אהבה רבה, האט ער נישט געקענט מחדש זיין. בת תחלה, אז מען וועט זאגן ערליך ברכת התורה, סימן יפה לבנים, וועט ער קענען מחדש זיין חידושי תורה.

**הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א, חדב"ן:** דער שווער זאגט אלץ, אז ביי ברכת התורה פאר ונהיה אנחנו וצאצאינו, האט מען אינזין יעדעס קינד און אייניקל.

**רבינו:** איך האב נישט געזאגט, אז איך טו עס, נאר אז מען דארף אזוי טון. מען דארף מתפלל זיין. און היינטיגע צייטן דארף מען אוודאי מתפלל זיין אויף די דורות[ג].

---

[ג] וכה דברי **רבינו שליט"א** בדרשת ז' אדר תשס"ח לפ"ק: וראיתי לאחרונה שכתבו על אדם חשוב, שאמר, שבכל יום בעת שאומר ברכת התורה, ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה, הוא מעביר במחשבתו בפרטיות כל אחד ואחת מילדיו, וכל אחד ואחת מנכדיו, ומתפלל עליהם שיהיו יודעי שמך, שישארו יהודים נאמנים לה' ולתורתו, ויתגדלו לתלמידי חכמים. וברבות הימים הרגיש שעשה זאת עליו רושם עז, לתת לב לחינוכו והשלמתו של כל אחד מיוצאי חלציו.

[שוב הראוני זאת בספר **אנא עבדא** (דף רצו) שכתב, לפני פטירתו אמר לאחד בזה הלשון: דבר אחד אבקש ממך, שמע לי, הרי אתה אומר בכל בוקר ברכת התורה, ואתה אומר 'ונהיה אנחנו וצאצאינו'

**הרה"ג רבי יואל:** דער זיידע, דער **סאמבאטהעלער רב** פלעגט זאגן, אז א מענטש האט נישט אלעס. און איך בעהט אלץ דעם רבונו של עולם, אז איך בין מוותר אויף געלט, איך בעהט נאר איין זאך, אז דו זאלסט מיר געבן גוטע קינדער.

**האדמו"ר מסקולען:** עס איז געווען ביי אונז א יוד רבי יקותיאל ווייס, און דער **טאהשער רבי** האט אים אנגעוואונטשען עשירות. נאכדעם איז ער געווארן דער סקולענער גבאי, איז ער געקומען מיט א טענה. האט ער אים געזאגט, ווער זאגט אז עשירות מיינט געלט, עשירות מיינט גוטע קינדער. ער האט טאקע חשובע קינדער, איין זון האט ארויסגעגעבן דעם **נועם אליעזר**.

**רבינו:** דער **חתם סופר** שרייבט אין די תשובות (או"ח סימן קנח-קנט), אויף דעם וואס עס שטייט אז א סנדק איז א סגולה אויף עשירות, און מען זעהט אז עס איז נישט אייביג אזוי. האט ער געזאגט, אז עשירות האט אסאך ערליי טייטשען. עשירות מיינט נישט אייביג געלט, עס איז דא עשירות אין תורה, און עס איז דא עשירות אין קינדער. - עס מעג זיין עשירות אין געלט אויך, כלל ישראל טוט גוטע זאכן מיט געלט.

**האדמו"ר מסקולען:** ונתתי גשמיכם בעתם (ויקרא כו-ד).

**רבינו:** די תורה מאכט אויך א עסק פון גשמיות.

**האדמו"ר מסקולען:** צרופה אמרתך מאד ועבדך אהבה (תהלים קיט-קמ), אזוי שטייט פון **רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע**[ז].

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים, מען זאל קענען ווייטער אויך מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת. דער באשעפער זאל געבן די ריכטיגע ווערטער אין מויל וואס מען דארף זאגן פארן כלל ישראל, און עס זאלן נתקבל ווערן אלע ברכות און אלע תפלות לרחמים ולרצון.

**האדמו"ר מסקולען:** אמן. והמברך יתברך. מען זאל קענען מרביץ זיין תורה ויראת שמים, אריינברענגען אין יודישע קינדער אהבת ה', און קענען משפיע זיין רוחניות און גשמיות.

**הר"ר יקותיאל יהודא פשערהאפער:** פאר דער רבי איז אריינגעקומען צום רב, האב איך דערמאנט דעם רב'ן מיט וואס פאר א מסירת נפש דער רב איז געווען באזוכן די מוסדות (חסד לאברהם במירון), ליל שישי (בעת מסע **רבינו שליט"א** לארה"ק כסלו תשע"ח).

**האדמו"ר מסקולען:** יא, עס איז געווען א מורא'דיגע חיזוק.

**רבינו:** כאטש צוהעלפן מיט וואס מען קען.

**האדמו"ר מסקולען:** הוא ימליץ טוב בעדנו.

**וכיבדו רבינו שליט"א בספר שמן ראש על חג שבועות ונפרדו לשלום**

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבוע **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יצחק דוד לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

*

*ערב שבת פרשת בחוקותי*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יצחק דוד לאנדא** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

*שבת קודש פרשת בחוקותי*

על שבת קודש הגיע **רבינו שליט"א** לשבות בקרב קהל עדתנו ואנשי שלומינו בעיר בארא פארק. - תפלת מנחה וקבלת שבת התקיים בבית מדרשינו ברכת אברהם, והתפילות ביום שבת קודש התקיים בבית מדרשינו זכרון יהודא.

---

וכו', איני יודע כמה זמן אתה מקדיש לילדיך כל יום, אבל דבר אחד יכול אתה לעשות וזה לא יגזול ממך זמן רב, ומובטחני שתראה סייעתא דשמיא נפלאה, אם בכל פעם שתאמר 'ונהיה אנחנו וצאצאינו' תחשוב על כל אחד מילדיך בשמו ובשם אמו, אני אומר לך שזו סגולה גדולה ומיוחדת להצלחת הילדים. וכשהלה אמר שזה גם כן לא קל כל יום לעצור באמצע הברכה ולהתרכז ולכוון על כל ילד בנפרד, אמר לו, אני יודע שבהתחלה זה יהיה לך קשה לעשות כך בתמידות יום יום, אבל אחרי זה נהפך לטבע ולהרגל ע"כ]. (נדפס **בשמן ראש** ז' אדר ח"ב דף מב).

[ז] ותוכן דבריו: כי בכל מאודך (דברים ו-ה) דרשו חז"ל (ברכות נד.) בכל ממונך. וזהו 'צרופה אמרתך מא"ד', צרופה אמרת ה' עם הממון, שאי אפשר לקיים מצות ה' רק בממון, ולכן 'עבדך אהבה'.

ביום שבת קודש אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**. אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידוש לרגל שמחת הברית מילה לנכד מחותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ר"י מונקאטש, בן לחתנו הרב **יעקב רובין** שליט"א, שהתקיימה בבית המדרש מונקאטש. **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו להסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** ולכל בעלי השמחה.

תפלת מנחה התפללו בבית מדרשינו הגדול. אחר מנחה דרש **רבינו שליט"א** דרשת פרקי אבות במקהלות עם רב שגדשו את היכל הבית המדרש וחדריו הסמוכים.

**רבינו שליט"א** התחיל בדבריו בגודל מעלת ההכנה לקראת יום הגדול והקדוש זמן מתן תורתינו, שבבוא זמנה מתעורר אצל כל אדם התעוררות לקבלת התורה מחדש, ומתוך הכנה של פרישות וקדושה זוכין שיכנס ויבלע התורה בלבבו ובנפשו כראוי.

אחר דברי דרוש ואגדה בעניני מתן תורה, הוסיף לבאר מה שאמר הקב"ה לשון שאינו מבורר וקדשתם 'היום ומחר', ומשה הוצרך להוסיף ולדרוש קל וחומר מדעתו. שענין זה להורות בא איך צריכין להכניע לדעת תורה של חכמי ישראל, ולא ירדה שכינה עד יום השביעי, וכביכול גם הקב"ה רצה להראות שהוא מכניע עצמו לדעתו של משה להמתין יום נוסף לקבלת התורה.

**רבינו שליט"א** האריך בזה, שרק אלו שמכניעים עצמם לדעת חכמי ישראל, ומקבלים דבריהם באימה, יהודתם עומדת ברום המעלה, ומצליחים לגדל דורות נאמנים לה' ולתורתו. לא כן אלו החכמים בעיניהם, ואינם נכנעים תחת המנהיג. באומרם שהם מבינים ויודעים יותר, להם חסר יניקות חיותם מהראש – ראשי בני ישראל, וסופן לא יצליחו לא הן ולא פירותיהן. ומצינו בבית גרמי ובבית אבטינס, שהגם שלא רצו ללמד אומנותם מסיבות שונות לשם שמים כמבואר בגמרא (יומא לח.), מכל מקום קיבלו קללת 'שם רשעים ירקב', על מה שלא הכניעו דעתם לדעת חכמים.

עוד זאת נלמד ממעשה דבית גרמי, כי האדם שנברא באיזה כשרון מוטל עליו לנצל זאת לכבוד שמים, וגם ללמד לאחרים להרבות כבוד שמים. ולדוגמא מי שיש לו לשון לימודים, ינצל אותה ללמד ולהדריך אחרים בתוכחת מוסר ולקרב לבות ישראל לאביהם שבשמים. ועל דרך זה מי שהוא כתבן וספרא רבא, יכתוב מאמרים לזכות הרבים. מי שניחון בחוש הנגינה, ינצל אותה לכבד את ה' מגרונו לירד לפני התיבה, ולסייע להבעלי תפלות בעת זמרם.

ובזה יוכל כל אחד ליקח חיזוק לעצמו, שכשם שאין פרצופיהן שוות אין דיעותיהן שוות, ואם כן יש לכל אחד נקודה מה שאין בחבירו, וכל מה שברא הקב"ה לא בראו אלא לכבודו, ולכל אחד יש מעלה שאין בחבירו שיוכל להעלותו לכבוד שמים. וכמאמר רבי שמעון בן יוחאי (דב"ר ז-ח) שאילו היו ישראל חסרים אפילו אדם אחד לא היתה השכינה נגלית עליהן.

אחר כך נערכה סעודה שלישית ברוב עם באולם עדת טעראס שעל ידי בית מדרשנו. **רבינו שליט"א** השמיע דברי אגדה בפרשת השבוע, והמשיך בדברי הכנה לחג מתן תורתינו. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הגה"צ רבי צבי היילפרין שליט"א** דומ"ץ דקהלתינו הק'.